# מוסדותינו




#12

ארויסגעגעבן דורך:

**ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י מסאטמאר, קרית יואל יצ"ו**

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט איבער 6,000 קינדער כ"י

טבת
תשס"ט

# גרויס חיזוק פאר הנהלה ווען ציבור שטרענגט זיך אן מיט ווארימקייט צו העלפן די מוסדות הק' בעת צר, טראץ די שווערע עקאנאמישע צייטן

מיט א זעלטענע הצלחה איז ב"ה אפגעראכטן געווארן דער היי-יעריגער דינער לטובת די מוסדות הקדושים דרבינו יואל אין קרית יואל, וואס איז פארגעקומען ברוב עם הדרת מלך, מיט די באטייליגונג פון טויזנטער אנ"ש, הורי ותומכי המוסדות, ומלכם בראשם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, פארגאנגענעם מוצש"ק פ' וישלח העעל"ט אין די פראכטפולע זאלן פון "בית רחל פאראדייס".

דער היי-יעריגער דינער איז ב"ה אפגעצייכנט געווארן מיט א זעלטענעם סוקסעס אין יעדן איינציגן הינזיכט, אנגעהויבן פון דעם מאסן עולם וועלכע האבן מיטגעהאלטן דעם 4 שעה'דיגן אווענט פון אנהויב ביז'ן סוף מיט גרויס הנאה, וואס קרית יואל האט שוין לאנג נישט מיטגעלעבט. ספעציעל איז געווען איינגנארטיג דער היי-יעריגער פראגראם, ווען אלעס איז געווען איין התרגשות'דיגער קייט פון "זקניך ויאמרו לך", אפצוצייכענען דעם באדייט און חשיבות פון כבוד זקנים. (ליינט באזונדער אין היינטיגע אויסגאבע).

באזונדער איז געווען גרויס חיזוק פאר הנהלה, זעענדיג די מסירת נפש און ווארימקייט פונעם ציבור, וואס שטרענגט

(פארזעצונג אויף זייט 4)

## אינהאלט:

נייעס.................................1-9
מדי חודש בחודשו.....................10-16
בית רחל עלעמענטערי................17-19
בילדער כסליו - טבת.......................20

די "מוסדותינו" ווערט ארויסגעשיקט פאר ביזנעסלייט תומכים.
אויב איר ווילט עס באקומען אין אייער ביזנעס דאן שיקט אריין צו דעם אדרעס:
utakjreport@gmail.com
אדער רופט אריין אין אפיס:
845- 783-5800 # 1013

# שיינע מלוה מלכה ומעמד הכרת הטוב צוגעשטעלט פאר עסקנים פונעם דינער

צענטראלע דרשה געהערט פון הגה"צ הוסטער רב שליט"א, נואם הכבוד

אויספירליכער באריכט אויף זייט 3



# מעלדונג פון הנהלת המוסדות איבער עפענונג פון ״אולם עקשטיין״ רופט ארויס עקסטאז

מיט פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס, אז די הנהלת מוסדותינו הק׳ נעמען שוין אָן רעזערוואציעס אויף חתונות פון נאך ראש חודש סיון הבעל״ט און ווייטער, אין דעם ערשטן הערליכן תקנות חתונה זאַל ״אולם עקשטיין״ בבנין התלמוד תורה ״בית מרדכי״ בקרית יואל, וואו דער היימישער ציבור וועט אי״ה קענען פראווען חתונות פאר׳ן ביליגן פרייז פון $9,000 ביידע צדדים, און פאר אנ״ש חסידי סאטמאר שי׳ וואס שטעלן זיך פולקאם צו צו די ״חתונה תקנות״ פון קהל יטב לב ד׳סאטמאר, וועט געגעבן ווערן די היסטארישע הנחה פרייז פון בלויז $6,000 ביידע צדדים אינאיינעם.

ווי באקאנט, איז באשלאסן געווארן אויף די אינציאטיוו פון די ועד החתונה תקנות שע״י קהל יטב לב ד׳סאטמאר, מיט די קאאפעראציע און הילף פון די הנהלת המוסדות הקדושים ד׳סאטמאר, צוצושטעלן ספעציעלע שיינע חתונה זאלן, וואו דער פרייז פון די חתונה נאכט הוצאות וועט געשניטן ווערן אויף האלב פון וואס עס האט ביז היינט געקאסט די ביליגסטע חתונה נאכט, פאר די אלע וואס שטעלן זיך צו אינגאנצן צו די תקנות פון די קהלה הק׳, עפ״י פקודת קדשו פון מרן הגה״ק שליט״א.

דער זאל איז נתחנך געווארן דורכ׳ן רבי׳ן שליט״א, פארגאנגענע וואך ביים מעמד חנוכת הבית ומסיבת שבע ברכות, לכבודו פונעם נחשון לדבר מצוה וואס האט געהאלפן צושטאנד ברענגען דעם ערשטן פראיעקט, ה״ה הרבני החסיד הנגיד המרומם מוה״ר דוד עקשטיין הי״ו, פרעזידענט דקהל יטב לב וחבר הנהלת המוסדות, וואס האט עפ״י בקשת כ״ק מרן רבינו שליט״א, זיך אונטערגענומען דעם דבר מצוה אויפצובויען דעם חתונה זאל ״אולם עקשטיין״ אין קרית יואל, לע״נ זיינע חשוב׳ע עלטערן, הרהגה״צ רבי קלונימוס אליעזר בן רבי שלמה צבי זצ״ל אבדק״ק בוענאס איירעס, וזוג׳ הרבנית הצדיקת מרת פעסיל ב״ר צבי הלוי ע״ה.

פאר אנ״ש הסרים למשמעתו פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א און שטעלן זיך צו ״פולקאם״ צו ״אלע״ חתונה תקנות דקהל יטב לב ד׳סאטמאר (נישט בלויז וואס אמבאלאנגט די ׳חתונה נאכט׳ נאר אויף ״אלע״ אנדערע תקנות אָן קיין שום אויסנאם, ווי מען שרייבט דאס אונטער ביים באשטעלן די זאל), און זענען נושא בעול מיט קהלתינו הק׳ ומוסדותי׳, איז דער פרייז פאר די ״חתונה נאכט״ בלויז $6,000.00 (דאס מיינט $3,000 פער צד).

די גרויסארטיגע נדבה פון הרה״ח ר׳ דוד עקשטיין הי״ו אהערצושטעלן דעם ״אולם עקשטיין״ לתועלת הציבור, צו קענען בעז״ה חתונה מאכן מיט מער שמחה און נחת, און וויניגער הוצאות ועגמת נפש, קומט ווי געוואונטשן, אין די וויכטיגסטע תקופה ביי כלל ישראל, ווען דער פינאנציעלער מצב ביים ציבור איז שווער און ס׳איז פשוט אַן הצלה לרבים.

גלייכצייטיג ווערט באגריסט די היסטארישע שריט פון די חברי הנהלת המוסדות אין קרית יואל, וועלכע האבן ברייטהארציג איינגעשטימט פרייוויליג מוותר צו זיין אויף ריזיגע הכנסות וואס דער חתונה זאל וואלט געקענט ברענגען, און לטובת הציבור איז אהערגעשטעלט געווארן דער זאל פאר גאר א ביליגע פרייז, ממש האלב ווי ביז היינט.

רווח ששון והנחה.





# שיינע מלוה מלכה ומעמד הכרת הטוב צוגעשטעלט פאר עסקנים פונעם דינער

## צענטראלע דרשה געהערט פון הגה"צ חוסטער רב שליט"א, נואם הכבוד

אלס א המשך צום דינער, האט די הנהלת המוסדות גערופן די דינער עסקנים צו א ספעציעלער מסיבת חיזוק און הכרת הטוב, א וואך נאכ'ן דינער, אין זאל פון "קרן ויואל משה.

עס זענען אנמערקבאר געווארן די חברי הנהלת המוסדות הק', די גאנץ יעריגע עסקנים און פאנדרעיזער פאר די מוסדות הק', די עסקנים וואס גייען ארום וואכן און חדשים פאר'ן דינער אויפצוטרייבן די נדבות, די עסקנים וואס געבן זיך אפ מיט'ן אהערשטעלן דעם דינער גופא, דער זאל, די סעודה, דאס סערווירן, די מתנות, די ראפעלס, דאס זיצן ביי די טישלעך אפצונעמען די נדבות, וואס אזא מייסטערהאפטיגער דינער וואס איז מצליח אזוי שטארק קומט מיט די ריכטיגע הארעוואניע פון די אלע עסקנים וואס לייגן אריין דערין די ריכטיגע כוחות.

דער יו"ר פון די מסיבה איז געווען האברך החשוב פה מפיק מרגליות מו"ה יחזקאל לאנדא הי"ו, וועלכער האט זייער שיין איינגעלייטעט די מסיבה און ארויסגעברענגט דעם באדייט פון די מלוה דמלכה בטוב טעם ודעת. בתוה"ד האט ער ארויסגעברענגט דעם אמת'ן דאנק פאר די הנהלת המוסדות, ובפרט פאר הרה"ח ר' ברוך שמעון משה קעפעטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, וועלכער איז דער רוח החיים פונעם דינער און ער לייגט אריין דערין אלע זיינע שעפערישע כוחות בלב ובנפש.

הרה"ח ר' שמעון משה הי"ו האט מיט טרעפליכע ווערטער ארויסגעברענגט א הכרת הטוב מטעם הנהלת המוסדות פאר די געטרייע עסקנים, נאכזאגענדיג שיינע מאמרים און געדאנקען איבער די חשיבות פון עסקנים און מחזיקי התורה.

גלייכצייטיג האט ער ארויסגעברענגט דעם הערליכן וואוקס פון די מוסדות הק' ברוחניות און דעם גאר שווערן מצב בגשמיות. ער האט דערמאנט אז אין שנת תשכ"ד האט רבינו הק' זי"ע בשעתו געזאגט ביי א מסיבה לטובת החזקת המוסדות, אז מ'האלט שוין דאן ביי 3,000 קינדער כ"י מיט א בודזשעט פון "א מיליאן דאלער"... דערויף האט ר' שמעון משה באטאנט, אז היינט צו טאג, מיט 45 יאר שפעטער, ווען די אינפלאציע שטייגט יערליך און אלע קאסטן ווערן כסדר געהעכערט, האלט מען דא אין קרית יואל אליין, ביי איבער 6,000 קינדער כ"י, אבער מ'פלאגט זיך מיט א בודזשעט פון איבער 24 מיליאן דאלער!



דאן האט דער יו"ר פארבעטן האברך היקר מכבד את ה' מגרונו מו"ה משה לוי ברוין הי"ו מנהל גשמי בבנין הת"ת בית מרדכי, צו קומען מהנה זיין דעם ציבור מיט זיין געבענטע שטימע. ר' משה לוי הי"ו וועלכער איז שוין באקאנט אומעטום אלס דער 'קרית יואל'ער חזן', האט נישט אנטוישט דעם ציבור וועלכע איז געזיצן פארגאפט און זיך צוגעהערט צום מייסטערהאפטן חזנות שטיקל וואס ער האט אראפגעגעבן מיט גרויס התעוררות און התרגשות.

דער קלימאקס פון די מסיבה איז געווען די לענגערע התרגשות'דיגע דרשה פונעם נואם הכבוד הגה"צ רבי משולם פייש גינזבורג שליט"א אדמו"ר מחוסט, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פארן צו דעם מעמד, און ער האט אויפגעטרעטן מיט א לענגערע דרשה און ארויסגעברענגט פאר די עסקנים מה גדלה חלקם וחבלם מיט די געוואלדיגע עבודת הקודש וואס זיי זענען עוסק לטובת די מוסדות.

(פארזעצונג אויף זייט 4)





# גרויס חיזוק פאר הנהלה ווען ציבור שטרענגט זיך אן מיט ווארימקייט צו העלפן די מוסדות הק׳ בעת צר, טראץ די שווערע עקאנאמישע צייטן

(פארזעצונג פון זייט 1)
זיך אן צו העלפן די מוסדות הק׳ בעת צר, טראץ די שווערע עקאנאמישע צייטן.

ווי הרה״ח ר׳ מאיר הירש שליט״א האט ביים דינער בשם הנהלת המוסדות ארויסגעברענגט זיין באגייסטערונג, אז טראצדעם וואס דער מצב הפרנסה איז אזוי שווער און יעדער פלאגט זיך, דאך גייענדיג נאך געלט פאר׳ן דינער, איז געווען א פארגעניגן צו זען ב״ה, ווי דער חשוב׳ער ציבור איז ווארעם און מ׳רופט זיך אן בעין יפה למען החזקת המוסדות.

״ליידער זעט מען דעם ויאנחו בני ישראל מן העבודה, פילע אידן זיפצן נעבעך אויפ׳ן מצב, און פאר אסאך מענטשן קומט זייער שווער אן אין אזעלכע צייטן צו שטיצן די מוסדות, מען דארף אבער געדענקען א וויכטיגער יסוד – האט ר׳ מאיר באטאנט – אז דער שליסל צו פרנסה איז שטיצן די הייליגע מוסדות, ווי דער רבי זי״ע האט אסאך מאל ארויסגעברענגט, ובפרט יעצט ווען די מוסדות געפינט זיך אין א גאר שווערן מצב, מוז מען זיך זייער אנשטרענגען, כדי מ׳זאל קענען ווייטער ממשיך זיין״.

און ווי דער רבי שליט״א האט עס מדגיש געווען ביי זיינע דברות קודש: ״מ׳ווייסט אז ס׳איז שווער דער מצב הפרנסה, אבער מ׳דארף האבן מסירות נפש פאר תורה! מסירות נפש צו צאלן שכר לימוד! מסירות נפש צו געבן נדבות!״.

לפום צערא אגרא.

## שיינע מלוה מלכה ומעמד הכרת הטוב צוגעשטעלט פאר עסקנים פונעם דינער

(פארזעצונג פון זייט 3)
מיט זיין געבענטשטע שפראך האט ער ארויסגעברענגט א שלל מיט רעיונות און מעשיות וואס האט באריט אלעמען ביז די אינערליכע סטרונעס, און אריינגעגעבן כוואליעס פון ענערגיע פאר די עסקנים, אז מיט אלע שוועריגקייטן וואס די עבוה״ק קומט אן דארף מען פרייליך זיין אז מען האט די זכי׳ צו זיין דער כח המעמיד פון די מוסדות הקדושים, און מ׳דארף מוסיף זיין פעלים לטובת המוסדות בלב ובנפש.

נאך די דרשה האט מען געהערט שיינע סיפורי קודש פון הרב החסיד ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק, וועלכער האט דערציילט סיפורי צדיקים און צוגעגעבן טרעפליכע באמערקונגען אויף די ווערטער פונעם חוסטער רב שליט״א.

אלע עסקנים האבן באקומען א שיינע מזכרת, א הערליכע זמירות לשב״ק אלס אנדענק פון די מוסדות, און מ׳איז אהיימגעגאנגען מיט א פרישע קבלה טובה צו טון ווייטער פאר די מוסדות בלב ובנפש.



# העכסט געלונגענער דינער ליגט נאך אלץ אין די ביינער פון די אלפי משתתפים

## ספר זקניך ויאמרו לך

ביים דינער איז פארטיילט געווארן אלס א מתנה דער הערליכער געשאנק, ספר "זקניך ויאמרו לך" חלק א׳, וואס האט ארויסגערופן עקסטאז און באגייסטערונג ביים גאנצן ציבור.

דער ספר אנטהאלט הונדערטער עמודים פון וואונדערליכע מעשיות און סיפורים, פון רבותינו הק׳, צדיקים, חסידים ואנשי מעשה, וואס די תלמידים פון די העכערע כיתות אין די מוסדות הקדושים האבן צונויפגעקליבן פון זייערע זיידעס במשך דעם יאר תשס״ח, און דאס איז וועכענטליך געדרוקט געווארן אינעם ספעציעלן גליון "זקניך ויאמרו לך" וואס ערשיינט יעדע וואך, און איצט איז דאס צונויפגעקליבן געווארן און אויסגעשטעלט געווארן אין א שיינער סדר, מיט ספעציעלע מפתחות וואו עס זענען אויסגערעכנט געווארן די נעמען פון אלע זיידעס, די בעלי מספרים, און אויך די נעמען פון אלע צדיקים וואס זיי ווערן דערמאנט איבער די עמודי הספר.

## הרה״ג ר׳ חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט״א, יו״ר

מיט א דראמאטישן טאן האט דער יושב ראש הרה״ג ר׳ חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט״א, מנהל ישיבה קטנה, אדרעסירט דעם מעמד, ארויסברענגענדיג דעם משמעות פונעם היינטיגן דינער, און דאס אחריות וואס עס ליגט אויף אלע תושבי העיר ארויסצואווייזן, אז די מוסדות וואו די אייגענע קינדער לערנען זאלן קענען ווייטער אנגיין און האבן א קיום.

הרה״ח ר׳ אלי׳ שלמה קאהן שליט״א, מנהל בית רחל, האט אויסגערופן די סכומים פון די הונדערטער נדיבי לב, וועלכע האבן זיך בייגעשטייערט צום היי יעריגן דינער מיט שיינע סכומים.





מוסדות

## נזר "זקניך ויאמרו לך": הרה"ח ר' פישל פריעדמאן שליט"א

הרה"ח ר' פישל שליט"א, מזקני ופארי ק"ק סאטמאר לאוישט"א, האט פארציילט צוויי אינטערעסאנטע סיפורים פון רביה"ק זי"ע אינדערהיים, נאך פון די תקופה ווען ער איז געווען ארשיווא רב, וואס ר' פישל שליט"א האט פערזענליך בייגעוואוינט. מיט א געוואלדיגער כבוד זקנים האט דער ציבור זיך צוגעהערט צו די התרגשות'דיגע סיפורי קודש, שלונגענדיג מיט דורשט יעדעס ווארט פון אזא חשוב'ער פערזענליכקייט, משרידי דור הישן, בשעת ער איז בפועל מקיים דעם "זקניך ויאמרו לך".



## נזר "זקניך": הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט"א

דער ציבור האט מקבל פנים געווען איינעם פון די גאר חשוב'ע זיידעס פון אייניקלעך אין די מוסדות הקדושים, מזקני ופארי ק"ק סאטמאר לאוישט"א, משרידי דור הישן, הרב החסיד המפורסם ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט"א, וועלכער איז באעערט געווארן מיט'ן נזר "זקניך ויאמרו לך". ר' יקותיאל הערש שליט"א האט בצהלת פנים מיטגעהאלטן דעם מעמד, און איז אויך מכובד געווארן מיט ברכת המזון.



## בן יכבד אב: הגה"צ אב"ד הוניאד שליט"א

לכבוד אביו האט אויפגעטרעטן מיט א הערליכע דרשה, הגה"צ ר' חיים יוסף ווערצבערגער שליט"א אב"ד הוניאד, וועלכער האט ארויסגעברענגט די הרגשים פון די גאנצע משפחה צו דער יעצטיגער געלעגנהייט, ווען מ'גיט אפ דעם כבוד פאר'ן קרוין פון די המשפחה. דערביי האט ער געשילדערט די געוואלדיגע התקשרות פון זיין פאטער מיט'ן רבי'ן זי"ע, און די שטארקע אהבה וחיבה יתירה וואס דער רבי האט אים ארויסגעוויזן. ער האט אויך געשילדערט אן אינטערעסאנטע עובדא פון זיין פאטער שליט"א מיט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.



## פרקי חזנות

לכבודו פון הרה"ח ר' יקותיאל הערש שליט"א, איז געהערט ווערן א ספעציעלן הארציגן זמר דורך זיין אייניקל, דער בארימטער חזן ובעל מנגן, מו"ה שמואל זאנוויל ווערצבערגער הי"ו, משמש ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר אין בארא פארק, אליינס א תלמיד פון "מוסדות קרית יואל", וועלכער האט מהנה געווען דעם ציבור מיט הערליכע חזנות 'שטיקלעך', אין די באגלייטונג פון די בארימטע חברת 'שירה'.



# הערליכע קינדער פרעזענטאציע: "זקניך"

דער עמאציאנאלער מאמענט פון אווענט איז געווען, דער וואונדערליכער און עמאציאנאלער פרעזענטאציע, איבער די טעמע "זקניך ויאמרו לך", וואס איז ספעציעל פארפאסט געווארן לכבוד דעם דינער, וואס איז געזינגען געווארן דורך די טאלאנטפולע חברת "שירה", צוזאמען מיט עטליכע יונגע "ילדי שירה", וואס האט שטארק ארויסגעברענגט די געפילן פון עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים על אבותם, דורך א ספעציעלע אייגנארטיגע און רירנדע אופן.

מ'האט ממש געקענט טאפן אין די לופט דאס התרגשות וואס האט געהערשט ביים גאנצן עולם, און פילע אידן האבן זיך געווישט די אויגן, בעת די קינדערלעך האבן אזוי הארציג פארגעזינגען די הערליכע חרוזים, אויפ'ן באקאנטן "יאקאב" ניגון פון הרה"ח ר' יו"ט עהרליך ז"ל, אין וועלכן ס'איז ארויסגעברענגט געווארן די שעצונג און בליק פונעם היינטיגן דור אויף א איד פונעם פאריגן דור, און וואספארא זכי' ס'איז צו קענען דולה ומשקה זיין פון אמאל.

# שלוס רעדע: הנגיד ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו

א קורצע רעדע איז געהערט געווארן דורך הרבני הנגיד, קונה עולמות של תורה, הרה"ח ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו, וואס אויף זיין אייגנארטיגן שטייגער, האט ער מיט גאר טרעפליכע ווערטער און רעיונות אדרעסירט דעם אווענט מיט א קורצע רעדע, ארויסברענגענדיג זיינע הרגשים צו קרית יואל און התקשרות און חיבה וואס ער האט געהאט ביים רבי'ן בעל ברך משה זי"ע ויבלחט"א ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער עולם האט שטארק הנאה געהאט פון די געלונגענע דרשה פון הרבני הנגיד הטפסר ר' יצחק ני"ו.





# דבר המוסדות: הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו, מנהל המוסדות

ר' מאיר האט געגעבן א באריכט איבער די פארשידנארטיגע גרעסערע הוצאות והכנסות פון די מוסדות. ער האט אויסגערעכנט עטליכע שטארקע איינקונפטן פון די מוסדות, וואס ברענגען אריין מידי שנה בשנה באדייטענדע סכומים, ולעומת זה די גרעסערע הוצאות פון די מוסדות, און וואס ס'זענען די סיבות צו דעם ריזן דעפיציט פון היי יאר. ווי אויך האט ער באדאנקט די נדבנים וואס האבן זיך אנגעשטרענגט טראץ דעם שווערן מצב.

"ליידער זעט מען דעם ויאנחו בני ישראל מן העבודה, פילע אידן זיפצן נעבעך אויפ'ן מצב, און פאר אסאך מענטשן קומט זייער שווער אן אין אזעלכע צייטן צו שטיצן די מוסדות, מען דארף אבער געדענקען א וויכטיגער יסוד – האט ר' מאיר באטאנט – אז דער שליסל צו פרנסה איז שטיצן די הייליגע מוסדות, ווי דער רבי זי"ע האט אסאך מאל ארויסגעברענגט, ובפרט יעצט ווען די מוסדות געפינט זיך אין א גאר שווערן מצב, מוז מען זיך זייער אנשטרענגען, כדי מ'זאל קענען ווייטער ממשיך זיין".



## ♫ צו הערן אדער דאונלאודען די גאנצע גראמען, דרוקט <u>דא</u>

(ווען דער פעידוש עפנט זיך, קענט איר דרוקן אויף איינע פון די צוויי אפשענס, ווי אנגעצייכנט)




# חרוזים לדינער השנתי של מוסדות קרית יואל, מוצש״ק פ׳ וישלח תשס״ט

אתקינו סעודתָא - ביים דינער פון די מוסדות דמָתָא
דעם קוואל וואס מיר טרינקען, בירא דשָתָא,
באגריסן מיר בהדרתָא - די זיידעס וואס זיצן בראש חבורתָא
אויף ווען מיר קוקן ארויף, מאין בָאָת

רבינו הקי׳ האט - אראפגעשטעלט א יסוד
פון פריערדיגע דורות נישט משנה זיין קיין זוז,
א וועג א קלארע - משה קבל תורה ומסרה
צום דרך המסורה זיך האלטן מ׳מוז

ווי-אזוי קענען מיר זיך האלטן צום פריערדיגן דור
<u>זקניך ויאמרו לך</u>, נאר אזוי נאר
מיר הערן פון אונזערע זיידעס ביי ווען זיי האבן זיך געווייקט
פון זייערע רבי׳ס און צדיקים נישט אפגענייגט

וואיל פאר די אויגן וואס האבן צוגעזען
און פארציילן אונז וואס זיי האבן מקבל געווען
דאס ברענגט אונז צוריק צום אמאליגן חן
פון פריערדיגן וועג זיך נישט רירן, ניין

די מחנכים פון אונזערע קינדער, וואס פארלייגן אזויפיל כוחות
האבן געזען ווי עלטערע אידן, ווערן ליידער הולך ופוחת
האט מען איינגעשפאנט די תשב״ר, מיט א ברען
צו כאפן אוצרות, וואס מער מ׳קען
דאס קינד בעט מיט כבוד, אשרי עין ראתה
זיידע דערצייל מיר א מעשה!

מיין זיידע געלערנט, ביים רבי׳ן אין קראלי
אן עובדא פון רבי׳ן, אן עולם מלא
א מופת א נייע, האט ער געמאכט
אמונה ובטחון, האט עס געבראכט

מיין עלטער זיידע זוכה געווען
דעם נאסאדער רב אליין געזען
און מיין זיידע, פון גאלאנטא
פארציילט אונז א סיפור, גאר אינטערעסאנטע

<u>אמר</u> רבא, אמר רב פפא
פון פריערדיגע צדיקים, א <u>מימרא</u> א ווארט
אויך פון די מלחמה, יענע יארן דארט
ניסים געזען אויף יעדן ארט

יסורי איוב, שווערע צרות, ווען די מלחמה האט געברענט
- זיידע
די דייטשן שיסן אלע אויף דער ערד
פארלוירן אלעס, קוים געבליבן מיט די נשמה אין די הענט
- זיידע
פונעם עתיד ווער האט דאן געקלערט

געוואנדערט אין געטא אָן ברויט, מכות רצח געכאפט מיט ריטלעך
- זיידע
און אויפ׳ן ארעם א צייכן אויסגעקריצט
רביה״ק געזאגט, אז פאר אזעלכע אידן קען מען געבן קוויטלעך
- זיידע
פונעם מלאך המות, געווען באשיצט

אבער חסדי ה׳ כי לא תמנו, דאס הארץ איז פיל מיט פרייד
אז מ׳האט זוכה געווען אויפצושטעלן דורות, ציען ווייטער גאלדענע קייט
ווי שיין צו זען אן אלטער איד, זיינע דורות וואקסן און בליהט
אז ער גייט נאר אין גאט׳ס וועגן, גייט גאט מיט אים און ער היט.

תלמוד תורה קרית יואל, אשריך וטוב לך
אויפגעהויבן כבוד זקנים, <u>זקניך ויאמרו לך!</u>
תלמוד תורה קרית יואל, אזא חינוך וואו נעמט מען נאך
א קשר צווישן קינדער און זיידעס, <u>זקניך ויאמרו לך!</u>

***

אונזער בקשה, אזוי טייער-איז - צו אלע זקני שאֵרית
עפנט אייער אוצר, נאך און נאך
טוט אונז פארציילן - אייער איבערלעבעניש מיטטיילן
<u>זקניך ויאמרו לך</u>

נישט באהאלטן - א מעשה אַן אלטן
נאר ס׳זאל ווייטער בלייבן, ביי אונז אפגעהיט
ס׳זאל זיין א וואונדער - פאר אונזערע קינדער
ווי אזוי האט אויסגעזען, אן ערליכער איד

מ׳דארף געדענקען - זיך שטענדיג בענקען
צו הערן א מעשה פון פריערדיגן דור
אז מ׳איז מיט א זיידן באקרוינט - וואס האט אליין בייגעוואוינט
דאס איז דאך פאר אונז דער בעסטער מקור

זיידע זיידע - ס׳איז השבת אבידה
אלטע מעשיות ווערן פארלוירן, יעדע מינוט
געב אונז איבער - פון דיינע רבי׳ס א סיפור
זיך קענען ווייטער פירן, ווי אן ערליכער איד

שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך - והשיב לב אבות, לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם

***

מיט אזעלכע מחשבות - וועט ווערן די לב אבות
צוריקגעקערט, מיט׳ן ריכטיגן חותם
א קשר בסבר פנים - פון לב אבות על בנים
ולב בנים על אבותם

אוי והשיב, נאכמאל והשיב
דאס קינד איז א שואל - דער זיידע איז א משיב
עס לוינט זיך אנצושטרענגען - מיט׳ן אייניקל פארברענגען
דאס וועט אים בלייבן, שטענדיג א רושם
א קשר בסבר פנים - פון לב אבות על בנים
ולב בנים על אבותם

והשיב לב אבות - ס׳ווערט נענטער די לבבות
מיט׳ן זיידן און דעם קינד, יחדיו משולבות
ביז ס׳וועט מקוים ווערן - והשיב צוריקקערן
לב אבות על בנים, בקרוב בימינו
מיט אלע זקנים - מיט׳ן רבין אינאיינעם
גיין קעגן משיח צדקינו

# דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

א שטילקייט האט געהערשט אין געפאקטן זאל, ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען צום שטענדער, צו זאגן זיין צענטראלע דרשה ודברות קודש לרגל המאורע.

דער רבי שליט"א האט מקדים געווען א הערליכן טייטש אויפ'ן מדרש וואס שטייט די וואכעדיגע סדרה, אז יעקב אבינו האט געשיקט מלאכים קעגן עשו, מיט די מצות פון תפילין, און דער רבי האט דאס זייער שיין אויסגעטייטשט, אז די תפילין של יד זענען א רמז אויף די מחזיקי תורה וואס שטיצן די מוסדות מיט די הענט, און די תפילין של ראש איז א רמז אויף די לומדי תורה, וואס פלאגן זיך מיט די קאפ אויף די תורה הק', וואס דערפון זעט מען די געוואלדיגע כוח פון מחזיקי תורה, וואס קען צעברעכן די כוחות הטמאה פון עשו הרשע.

באזירט אויף די הערליכע דברי תורה, האט דער רבי שליט"א מרחיב הדיבור געווען איבער'ן פליכט פון מחזיק זיין די הייליגע מבצרי התורה והיראה, און ער האט ברייט גערעדט איבער די חשיבות המוסדות הק', פון די שווערע ארבעט וואס די חשוב'ע מגידי שיעור, מלמדים, מחנכים און מחנכות, אין אלע אפטיילונגען, לייגן אריין א גאנץ יאר אין די טייערע קינדער, זיי ארויפצוברענגען צום העכסטן רוחניות'דיגן שטאפל צו וואס זיי קענען נאר אנקומען, מיט די הילף פון די הנהלת המוסדות.

רעדנדיג איבער די מצב הגשמי, האט דער רבי אויסגעשמועסט ווי געדרוקט עס איז דער מצב אין די מוסדות בפרט, און דער רבי האט געבעטן פונעם גאנצן ציבור תושבי קרית יואל מיט א בקשה און א תביעה, אז יעדער זאל נושא בעול זיין און זיין א גלייכער שותף אין ארויסהעלפן די מוסדות.

"מ'ווייסט אז ס'איז שווער דער מצב הפרנסה, אבער מ'דארף האבן מסירות נפש פאר תורה! מסירות נפש צו צאלן שכר לימוד! מסירות נפש צו געבן נדבות! אפילו ווער עס קען נישט געבן קיין געלט קען אבער זיין אן עסקן צו העלפן די מוסדות בגוף, און אויך בנפש קען מען העלפן די מוסדות, מיט'ן מחזק זיין די הנהלה ועסקנים מיט גוטע ווערטער און חיזוק".

דאן האט דער רבי אריינגעפירט זיינע ווערטער צו א שיינעם שמועס איבערן חובת החינוך, וואס איז אויך בגוף ובנפש ובממון. בממון מיינט מיט שכר לימוד, בגוף, מ'דארף זען צו פארהערן דאס קינד יעדע סוף וואך, און אויך אינמיטן די וואך שמועסן מיטן קינד איבער זיינע שיעורים, אז דאס קינד זאל זעהן ווי דער טאטע האלט מיט זיינע לימודים, און ער באגלייט דאס. "דער בעסטער מלמד איז דער אייגענער טאטע, טאטעס ווילן גוטע מלמדים פאר די קינדער, אויב אבער וועט ער לייגן אן אויג מיט אן אויער אויף זיין קינד, און ער וועט זיין א מוסטער פון הנהגה פאר'ן קינד, וועט ער זיין דער בעסטער מלמד פאר'ן קינד".

בנפש מיינט "רוח ממללא", א טאטע דארף רעדן מיט'ן קינד, דערציילן מעשיות פון די עלטערן, סיפורי צדיקים, פון זיינע זיידעס פון די פריערדיגע דורות, צו וועלכע צדיקים די זיידעס זענען געפארן, און ביי וועמען זיי האבן זיך געווייקט, מען דארף פאר די קינדער ארויסברענגען דאס חשיבות פון פריערדיגע דורות, זקניך ויאמרו לך!

דער רבי האט געשילדערט ווי אזוי אידישקייט איז צוגעגאנגען אין די פריערדיגע דורות, ווי שווער עס איז אנגעקומען אמאל כשרות, און אלע אידישקייט ענינים, ווי אזוי בחורים האבן געגעסן 'טעג', און מ'האט זיך געפלאגט פאר תורה. "מ'דארף זיך מקשר זיין צו די פריערדיגע דורות, דאס איז שטארק משפיע אויף די קינדער".

מיט א וואונדערליכן צושטעל, האט דער רבי נאכגעזאגט א ווארט פון זקינו הק' מרן בעל עצי חיים זי"ע, אז דער חילוק פון יעקב מיט עשו איז געווען, אז יעקב אבינו האט געזוכט מחשיב צו זיין די פריערדיגע דורות, און ביי עשו איז געווען פונקט פארקערט, מ'האט אראפגעקוקט און געלאכט פון די פריערדיגע.

דער רבי האט אפעלירט צום ציבור, צו טראגן די קינדער צו די זיידעס, גיין הערן פון זיי וואס זיי האבן צו דערציילן, און מחשיב זיין דעם ערך פון די עלטערע אידן, די זקני שארית בית פליטתינו. אויך די יונגערע זיידעס, די וואס זענען שוין געבוירן געווארן דאהי על אדמת אמעריקע, זאלן זען צו רעדן צו די אייניקלעך און איבערגעבן פון דעם וואס זיי האבן מיטגעלעבט אין זייערע יונגע יארן, און די עבודה"ק וואס זיי האבן נאך זוכה געווען צו זען ביי רבותינו הק', א דאווענען, א סוגיא פארלערנען, א טיש, א שובבים תורה, און אזוי ווייטער.

לסיום דבריו איז דער רבי שליט"א צוריק צום ענין, און גערעדט פון די הויכע דרגות אין חינוך מיט וואס די מוסדות צייכנען זיך ב"ה אויס, און דערביי האט דער רבי געמאלדן אז לתועלת הענין האט ער ממנה געווען א "ועד החינוך" אויף "בית רחל", מיט'ן ציל צו דערהייבן נאך העכער די דרגות פון חינוך, ואין שיעור למעלה.




דער רבי שליט"א האט מסיים געווען דברות קדשו מיט ווארימע ברכות פאר אלע משתתפים. די פייערדיגע דברות קודש האט איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויפ'ן ציבור.

# מדי חודש בחדשו

## - קורצע נייעס פון רוחניות'דיגע אפטיילונגען -

### "נפשי חשקה בתורה" רופן אויס 150 קינדערלעך פון כיתות ד' ה'

פארגאנגענעם זונטאג ערב חנוכה איז אין קרית יואל געווען א שווערער וועטער, ווען עס האט זיך אראפגעלאזט א שווערער שניי באגלייט מיט האגל, וואס האט פאראורזאכט א שווערער גליטש, און די סוויטע באסעס פון די מוסדות האבן בשום אופן זיך נישט געקענט ארויסלאזן אויף זייער טאג טעגליכן סקעדזשועל צו פירן די טויזענטער קינדערלעך אין חדר און אין שולע, שפירנדיג אז די סכנה צו פארן איבער די גאסן איז זייער שטארק.

פאר די תלמידים פון די כיתות ד' ה' וואס שטעלן פאר קינדער אין עלטער פון 8-10 איז שווער געווען צו זאגן אז זיי זאלן דארפן קומען אין חדר, ווען עס איז נישט שייך אז די קינדער זאלן שוין קענען אליינס ארויסגיין ביז צום בנין הת"ת בפרט אין א שווערן וועטער. דעריבער האט דער טעלעפאן סיסטעם געמאלדן אז עס וועט נישט זיין אפיציעל קיין חדר פאר די תלמידים פון די כיתות.

דער מנהל רוחני הרה"ח ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א האט אבער פארלאנגט אז מ'זאל צולייגן צום מעלדונג "עס איז נישטא קיין חדר, אבער די תלמוד תורה איז אפן", וואס דאס זאל פארשטאנען ווערן, אז פאר די קינדער וואס וואוינען נאנט צום חדר און קענען קומען זאלן קומען.

עס איז געווען אומגלויבליך, אז כאטש דער באגריף פון 'תינוק הבורח מבית הספר' איז פאר קיינעם נישט פרעמד, איז געווען א מציאות אז איבער 150 קינדער זענען באלד געקומען צו לויפן אין חדר אריין, ווי דער מנהל שליט"א און עטליכע געטרייע מלמדים האבן אפגעווארט די קינדער און מען האט מיט זיי געלערנט הלכות חנוכה, געזאגט שיינע תורות און תירוצים אויף די קשיא פון בית יוסף, און נאך אנדערע שיינע עניני חנוכה, און די צופרידענהייט פון די תלמידים מיט זייערע עלטערן צוגלייך איז געווען זייער שטארק.

דיקינדערזענעןאהיימגעגאנגען אין באגלייטונג פון מחנכים און עסקנים, אריינגערעכנט עטליכע באס דרייווער, וואס אנשטאט צו דרייוון די באסעס האבן זיי שפאצירט מיט די קינדער.

### "חברת תיקון המדות" ביי כיתה ו' - ז' מיט גרויס הצלחה

"דרך ארץ קדמה לתורה", איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אז בין כותלי מוסדותינו הקדושים, וואו עס ווערט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין לימוד התורה, מען גיט זיך אפ מיט די לימודים אז די יונגע תלמידים זאלן אויסשטייגן תלמידי חכמים, לייגט מען אויך אריין גרויסע כוחות אז זיי זאלן האבן גוטע מדות, און זיי זאלן זיין מענטשן מיט א גוטע מענטשליכע באנעמונג איינער מיטן צווייטן.

דער מנהל רוחני פון כיתות ו' ז', הרב נפתלי הירצקא פריעדמאן





די תשב"ר גייען אהיים צופיס אין דעם גרויסן שניי נאכ'ן לערנען אין באגלייטונג פונעם באס דרייווער העסקן החשוב ר' דוד אהרן גאלדשטיין נ"י בשעת זיין באס האט מער נישט געקענט ווייטער פארן

שליט"א, צוזאמען מיט'ן שטאב מלמדים, האבן אריינגעלייגט אסאך קאפ און מח אהערצושטעלן א וואונדערבארן סדר וויאזוי אנצוגיין מיט דעם סיסטעם צו ארבעטן אויף די מדות, צו זעהן די ערווארטעטע פירות, און אזוי איז געגרינדעט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דער "חברה תיקון המדות", וואס איז היי-יאר נתחדש געווארן ביתר שאת וביתר עוז.

פארגאנגענעם פרשת וירא האבן די תלמידים פון כיתות ו' ז' געהערט א פייערדיגע דרשה פונעם מנהל שליט"א, וועלכער האט אראפגעלייגט פאר די תלמידים דאס וויכטיגקייט פון ארבעטן אויף די מדות, און ער האט געשילדערט דעם סדר פון די "חברה מדות טובות", און דאן דערציילט פאר די תלמידים אז מען גייט אנהייבן צו ארבעטן אויף די מדה פון "פריסת שלום", צו גריסן פאר די עלטערן, מלמדים, און יעדן מענטש וואס מ'קען און מ'קומט מיט אים אין בארירונג, ווי פארשטענדליך אויף געשוויסטער און חברים.

עטליכע וואכן שפעטער, זונטאג פ' ויצא האט הר"ר שמואל שלמה טעללער שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה איבער דעם ענין, און ארויסגעברענגט דעם וויכטיגקייט און ווי שטארק עס איז דאס ענין פון "בין אדם לחבירו", און ווי די מחנכים געבן איבער, האבן די קינדער זיך גענומען צו ארבעטן אויף די מדות טובות, און צופרידענע עלטערן רופן אפ דעם מנהל שליט"א און דרוקן אויס זייער התפעלות אז דאס התנהגות פון די תלמידים בעניינים שבין אדם לחבירו איז שטארק נשתנה געווארן לטובה.

## "עבודת התפילה בכוונה" פארשטארקט

פארגאנגענעם דינסטאג לס' "ויפגע במקום", אין פגיעה אלא תפילה, איז געווען א שטארקער חיזוק אינעם עמוד התפילה אין די תלמוד תורה בניני "ווידער פאלאטשעק", בפרט ביי די כיתות ו' און ז', ווען דער מנהל רוחני הרב נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר די קינדער, און ער האט שטארק מעורר געווען איבער'ן דאווענען מיט כונה און מיט התלהבות, און איינגעשטעלט א מהלך וויאזוי מ'וועט מזרז זיין די קינדער צו דאווענען כראוי וכנכון.

דער מנהל האט אויך געזאגט פאר די קינדער אז כדי מזרז צו זיין דאס ענין, וועלן די מלמדים פארטיילן ספעציעלע 'תפילה קארטלעך' וואס דאס וועט פארטיילט ווערן פאר די קינדער, און פון צייט צו צייט וועט אפגעהאלטן ווערן ספעציעלע גורלות פאר די תלמידים וואס צייכענען זיך אויס אין עבודת התפילה.

ווי מ'גיט איבער האט דאס שוין אין די קורצע צייט עושה פירות געווען, און דער כח התפילה אין בית המדרש איז זייער שטארק געשטיגן ביתר שאת וביתר עוז, און די תלמידים דאווענען אין א בחינה פון כל עצמותי תאמרנה, ווי עס פאסט פאר תלמידים וואס ווערן נתחנך אין אונזערע מוסדות.

## מפעל "ותלמודו בידו" איז מצליח אויפ'ן גרעסטן פארנעם

עס איז ממש אומגלויבליך ווי שטארק דער מפעל "ותלמודו בידו" וואס איז געגרינדעט געווארן פאר תלמידי כיתה ז' דורכ'ן מנהל הרב נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א, האט מצליח געווען ווען צענדליגער קינדערלעך תלמידי תשב"ר האלטן אן דעם סדר און לערנען בקביעות דעם טעגליכן שיעור פון איבער'חזר'ן די בלעטער וואס זיי האבן געלערנט אין מסכת מכות איינמאל און נאכאמאל, ביז ווען מען קען עס ווי "אשרי יושבי".

דער ציל פון "ותלמודו בידו" איז בעיקר אז די קינדער זאלן זיך איינגעוואוינען פון זייער פריעסטער יוגנט צו חזר'ן א בלאט גמרא הונדערטער מאל, און זיך אויסלערנען אז צו חזר'ן דארף נישט נעמען מער ווי געציילטע מינוט א בלאט, נאכדעם וואס מען האט דאס גוט דורכגע'חזר'ט צענדליגער מאל, און מיט'ן באשטימען יעדע נאכט א 10-15 מינוט פאר חזרה בלייבן די בלעטער איינגעקריצט אין הארצן כיתד שלא תמוט.

פארגאנגענעם זונטאג נאכמיטאג, נאכ'ן וועכנטליכן שיעור אין ספר נ"ך שמואל, האט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט א וויכטיגע דרשה און פראקלאמירט דעם סיסטעם פון "ותלמודו בידו" וואס דאס איז באמת א פרייוויליגע זאך. עס איז געווען צום שטוינען וואספארא גרויסע מספר קינדער זענען געקומען צו לויפן און זיך איינגעשריבן אין די חברה.

עס איז א נחת צו זעהן ווי די קינדער צייכענען זיך די קארטלעך אזוי ערליך, און זיי שפירן א געוואלדיגער סיפוק אין די חזרת הלימודים. מצד די עלטערן פון די תלמידים הערט מען גאר ווארעמע און דאנקבארע גריסן, זעענדיג ווי די קליינע כיתה ז' יונגעלעך וואקסן שוין אלס ערנסטע מתמידים וואס זיצן און הארעווען יעדע נאכט אין זייער אייגענע זמנים, ווייל מען טאר נישט פארפאסן צו חזר'ן "ותלמודו בידו".

## דרשה פון הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער שליט"א

פארגאנגענעם זונטאג ערב חנוכה האט די שטאט קרית יואל זוכה געווען מקבל פנים זיין איינעם פון די זקני ראשי הישיבות בדורינו, הגאון הגדול ממעתיקי השמועה רבי אליקים שלעזינגער שליט"א בעמח"ס בית אב, ראש ישיבת הרמה בלאנדאן, און פון די גדולי תלמידי הגה"ק מהרי"צ דושינסקיא זצ"ל, הגה"ק בעל חזון איש, והגרי"ז מבריסק זצוק"ל.

טראץ דעם ביטער שווערן וועטער וואס האט געהערשט זונטאג אין די פארמיטאג שטונדן, האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג פון זיין אכסניא אין פלעטבוש, אפצוגעבן א באזוך בהיכלו כבוד פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א איז דאן אריבערגעפארן צו תפילת מנחה אין ביהמ"ד פון די ת"ת בניני ווידער פאלאטשעק, וואו עס זענען געווען פארזאמעלט די תלמידי כיתה ז' ח' ט' און מ'האט אינאיינעם געדאווענט א ווארעמע תפילת מנחה כראוי וכיאות.

דערנאך איז אפגעהאלטן געווארן א קורצע מעמד קבלת פנים, וואו די תשב"ר האבן געזונגען ניגוני שמחה, און דער מנהל רוחני האט מיט התרגשות באגריסט דעם גרויסן גאסט.

דאן האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן קורצע דברי ברכה פאר די קינדער, ארויסברענגענדיג וואס מ'זעהט ביי נס חנוכה ווען מ'הייבט אן צו זאגן "בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו", ווי מ'זעהט אז דער 'ובניו' פארנעמט א וויכטיג ארט אז מ'דארף דאס דערמאנען, ווייל בזכות די בנים איז געווען דער נס, האט ער מיט דעם מחזק געווען די קינדער ווייטער ממשיך צו זיין מיט'ן לערנען פלייסיג און שטייגן אין תורה ויראת שמים אז מ'זאל קענען מיט זיי קעגנגיין דעם גואל צדק.

בשירה וזמרה האבן די תשב"ר ארויסבאגלייט דעם חשובן גאסט שליט"א.

# הונדערטער בחורי חמד פון ישיבות קטנה וצעירים הערן "זאת חנוכה" דרשה פון רבי'ן שליט"א

צום סיום פון די לעכטיגע חנוכה טעג, האבן די הונדערטער בחורים פון די קלענערע ישיבות שע"י מוסדותינו הק', זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם הערליכן "זאת חנוכה טיש", וואס דער רבי שליט"א האט ספעציעל געפראוועט מיט די בחורים, אין די היכלי ביהמ"ד פון בנין "ישיבת עצי חיים".

דער טיש איז געווען זייער התרגשות'דיג. ס'איז געווען א מחזה הוד צו זען די הונדערטער בחורי חמד זיצן מיט דרך ארץ, און האלטן מיט דעם שלחן הטהור פון רבי'ן שליט"א. אויף די צוויי זייטן פון רבי'ן שליט"א איז געווען אויסגעשטעלט אן אויבנאן, וואו עס זענען געזיצן די חשוב'ע מגידי שיעורים ומנהלים וראשי ישיבה שליט"א.

לרגל היום האט זיך דער רבי שליט"א געוואשן צו א סעודה און מאריך געווען שלחנו הטהור, זיצנדיג בראש המסובין מיט א שטראלנדע פנים און געשעפט נחת פון זיינע באליבטע תלמידים.

בשעת די סעודה האבן די בחורים געזינגען גאר שיינע און פאסיגע ווארימע ניגונים.

מיט התרגשות'דיגע ווערטער האט הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א, מנהל ישיבה קטנה, באגריסט דעם מאמענט, ארויסברענגענדיג די זכי', אז דער רבי קומט פראוועז דעם טיש אינאיינעם מיט די בחורים.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פון רבי'ן שליט"א. צום ערשט האט דער רבי שליט"א מקדים געווען הערליכע דברי פלפול ודרוש אויף די גמרא פון סוגיא דכבתה אין מס' שבת, פון וואס די בחורים האבן אונטערגעשפרינגען.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מאריך געווען בעניני זאת חנוכה, דער געהויבנקייט פונעם טאג, און וואס מ'דארף ארויסנעמען פון חנוכה. בתוך הדברים האט דער רבי מחזק געווען די גוטע קבלה אין די ישיבה, אז די בחורים נעמען זיך צוזאם נזהר צו זיין נישט צו רעדן דברים בטלים פארטאגס פאר'ן דאווענען. דער רבי האט מחזק געווען דעם רעיון, און אויפגעפאדערט צו גיין ווייטער מיט גוטע קבלות און מידות טובות.

צום סוף האט דער רבי אנגעוואונטשן ווארימע ברכות און הצלחה וסייעתא דשמיא, און אז דער אייבערשטער זאל מיטב זיין די חתימה לטב ולחיין ולשלם.









# גרויס התרוממות ביי כ"א כסלו מסיבות אין די מוסדות הק'

פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' וישב - כ"א כסלו - איז געווען א גרויסער יום טוב אין די שטאט, יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו בעל דברי יואל זי"ע, און עס זענען אפגעהאלטן געווארן הערליכע סעודות הודאה אין מערערע ערטער, ווי אויך אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות הקדושים.

די מסיבה אין קינדערגארטן איז אפגעראכטן אויף א געוואלדיגן שטייגער, ווי די תמימות'דיגע קליינע שעפעלעך טאנצן און זינגען מיט גרויס התלהבות און זינגען מיט'ן אריגינעלן חן, גראד פון טיפעניש פון זייערע ריינע הערצעלעך, בך בטחו אבותינו.... אליך זעקו ונמלטו....

שוין מאנטאג בעפאר האבן די קינדער געהאט א שטיקל הרגשה פונעם נס, ווען זיי האבן געהאט די געלעגנהייט ארומצופארן נעבן די תלמוד תורה מיט א 'טרעין'... וואס איז אויסגענוצט געווארן דורך די מלמדים צו ערקלערן פאר די תלמידים וויאזוי דער באן איז געשטאנען ביים גרעניץ, און אלעס האט געהאנגען אויף א האר צי רביה"ק וועט אנקומען קיין שווייץ אדער קיין אוישוויץ, ביז ווען בחסדי ה' איז דער באן ווייטער געפארן, און דער רבי איז געראטעוועט געווארן מאפילה לאורה.

דאנערשטאג זענען זיך צוזאמגעקומען אין די עס-זאל פון תלמוד תורה בית מרדכי, אלע קינדער פון אלע אפטיילונגען פון קינדערגארטן ד.ה. פרי-נוירסערי, נוירסערי, קינדערגארטן, העדסטארט, און פרי-כתה א', און דער מנהל הר"ר משה ארי' גוטמאן שליט"א האט גערעדט פאר די קינדער און זיי מסביר זיין לויט זייער באגריף און פארשטאנד דעם באדייט פון דעם יום הצלה והשיחרור פון רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, ארויסברענגענדיג וואס דער טאג באדייט פאר די תשב"ר, און פארוואס מ'דארף זיך אזוי שטארק פרייען אין דעם טאג, און ארויסגעברענגט לפי הבנתם עטליכע נקודות וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט און וויאזוי די קינדערלעך דארפן זיך צו פירן.

אויך ביי די כיתות א' ב' ג' איז אפגעהאלטן געווארן א הערליכע מסיבה לכבוד היום אינעם פראכטפולן בנין מארקאוויטש, ווי דער מנהל רוחני הר"ר משה הערש קליין שליט"א האט גערעדט צו די קינדער מעניני דיומא און אראפגעגעבן פאר די קליינע קינדער לויט זייער פארשטאנד דעם משמעות פון דעם גרויסן טאג. מען האט אויך געהערט טייערע ווערטער פול מיט חיזוק אמונה און בטחון פון הרה"ח ר' עקיבא'לע גאנז שליט"א. דערנאך האבן זיך די קינדער געשטעלט טאנצן לכבוד היום, ווען דער געטרייער מלמד ר' ישראל חיים ווייזער הי"ו מיט זיין מוזיק שפילט מיט מיט די פרייליכע ניגונים א לענגערע צייט.

דאן זענען אריינגעקומען אין זאל די יונגע צאן קדשים פון כיתה א', און דער מנהל הרב ר' דוד חנני' ווייס שליט"א האט גערעדט צו זיין א הערליכע דרשה. די דרשה בעניני כ"א כסלו איז אייגנטליך געווען א המשך פון די דרשה בעניני דיומא, וואס דער מנהל האט שוין דערציילט א טאג פריער איבער דעם גרויס נס הצלה וואס איז געווען אין דעם טאג, און די קינדערלעך האבן דאס אויפגענומען כפי הבנתם.

פאר די קינדער פון די כיתות ד' און ה' איז געווען צוגערייט א שיינע גרויסע רייכע סעודה לכבוד היום, וואו עס איז געהערט געווארן א וואונדערבארע דרשה פונעם מנהל רוחני הרב ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א.

דער מנהל האט אין א שטארק באלערנדע דרשה ארומגערעדט וויאזוי רביה"ק זי"ע האט מציל געווען דעם דור פון אריינצופאלן אין די ציוני'סטישע נעגל, און ארומגערעדט די יסודות פון התבדלות מרשעים, און די כפירה פון ציונית אפילו ווען זיי וואלטן ווען געווען שומתו"צ וואלט דאס





געווען די זעלבע טמא'נע קליפה. און אויך דאס אז די ציונים זענען געווען די וואס האבן גורם געווען אז די זעקס מיליאן אידן זאלן גע'הרג'עט ווערן ביי די צווייטע וועלט מלחמה.

נאכדעם זענען די קינדער אריבער אין בנין מארקאוויטש, וואו דער מלמד מו"ה משה יוסף שווארץ האט אנגעפירט מיט די זמירות, און מו"ה ר' ישראל חיים ווייזער נ"י האט מהנה געווען מיט הערליכע מוזיק.

אין דעם בנין התלמוד תורה ווידער-פאלאטשעק אויף רימאנאוו קט. זענען זיך צוזאמענגעקומען די קינדער פון כיתה ו' ז' דאנערשטאג נאכמיטאג צו א סעודת הודאה, ווי דער חשוב'ער מנהל הרב ר' נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א, האט מיט א תוכנ'פולע דרשה ארויסגעברענגט מיט וואס מיר פרייען זיך היינט צוטאגס, שילדערנדיג די מלחמה לה' בעמלק הציוני, און דער מצב אין אמעריקע וואס איז געווען אין יענע תקופה, ווי ווייט דער רבי האט נישט צוגעלאזט קיין שום שינויים און מיט דעם דערהאלטן דאס אידישקייט.

נאך די דרשה האבן די קינדער זייער שיין געזונגען לכבוד היום די באקאנטע ניגונים אויף די ווערטער פון "חסדי ה' כי לא תמנו" און "בך בטחו אבותינו", אונטער די געניטע פירערשאפט פון הרה"ח ר' חיים צבי מענדלאוויטש שליט"א.

דאנערשטאג אינדערפרי באלד נאך תפילת שחרית איז פארגעקומען די הערליכע מסיבה של מצוה פאר די עלטערע כיתה פון די תלמוד תורה די בחורי חמד פון כיתה ט'.

דער מנהל רוחני הרב ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א האט ארויסגעברענגט פאר די בחורים דעם משמעות פון די היינטיגע שמחה, און וואס א בחור א סאטמארער תלמיד דארף זיך מתבונן זיין ארויסצונעמען פון דעם טאג.

דער נואם הכבוד הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א האט געהאלטן די בחורים אראפגענאגעלט אויף די ערטער איבער א שעה צייט, בשעת ווען ער האט געשילדערט וואס עס האט געמיינט די צרות פון די צווייטע וועלט מלחמה, וואס אידן האבן דארט מיטגעמאכט, און וואס עס איז דער באגריף פון די "הצלה" בעצם.

דערנאך האבן די קינדער געזונגען לעבעדיגע ניגונים, באגלייט דורך הר"ר קלמן גפן שליט"א. מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן דער חשוב'ער מלמד הר"ר חיים ווייס שליט"א.

שפעטער אין טאג איז צוגערייטש געווארן די סעודת הודאה פאר די תלמידי כיתה ח', וואו די קינדער האבן קודם געהערט דברי פתיחה פונעם מנהל הרב ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א. דאן האט דער מנהל איבערגעגעבן דאס ווארט פאר'ן נואם הכבוד הגה"צ המפורסם רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב דביהמ"ד אבני צדק, וועלכער האט אין א לענגערע אינהאלטסרייכע דרשה ארויסגעברענגט פאר די קינדער וויאזוי א חסיד'יש אינגל דארף זיך צו פירן, וויאזוי מ'דארף צו זיין אפגעטיילט פון די גוי'אישע גאס און שטאלצירן מיט אידישקייט אויף טריט און שריט.

די סעודות אין די תלמוד תורה זענען געווען הערליך צוגעגרייט און באגלייט דורכ'ן געטרייען מענעדזשער הרה"ח ר' בצלאל חיים באש הי"ו.

די תלמידי ישיבה קטנה האבן געפראוועט א הערליכע סעודת הודאה, וואו דער מנהל הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א האט באריכות ארומגערעדט בגדלות היום, אריינגייענדיג אין א שמועס וואס עס האט געמיינט אמעריקע אמאל איידער דער רבי איז אהערגעקומען, און וויאזוי דער רבי האט באוויזן משנה געווען דעם גאנצן מציאות פון אמעריקע צו דעם וואס מיר זעען מיט די אויגן היינט צוטאגס.

דערנאך האט מען געהערט א דרשה פון הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א ר"מ בישיבה"ק.

די תלמידי ישיבה לצעירים ח"א האבן אפגעראכטן א סעודה רחבה לכבוד המאורע. הרה"ג ר' ישראל חיים גוטמאן שליט"א משגיח הישיבה האט איינגעלייטעט דעם מעמד. דערנאך האט מען געהערט א דרשה פון מו"ה שמואל שלמה טעללער שליט"א, מרביץ תורה במוסדותינו הק'.

דאן האט גענומען דאס ווארט דער ראש ישיבה הרב הגאון ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"צ ור"מ, וואס ער האט מיט פאסיגע ווערטער ארויסגעברענגט דעם גדלות היום און די געוואלדיגע שמחה וואס עס איז פאר אונז תלמידים וחסידים פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע מיט די הצלה וואס מיט דעם פריידט זיך גאנץ כלל ישראל.

דערנאך האבן זיך די בחורים משמח געווען א לענגערע צייט בשיר ושבחה הלל והודאה.

די תלמידי ישיבה לצעירים ח"ב האבן ביי די געשמאקע סעודת הודאה, געהערט פאסיגע ווערטער פון הרה"ג ר' רפאל דערשאוויץ שליט"א מרמ"י הישיבה. דערנאך האט אויפגעטרעטן דער ראש ישיבה הרב הגאון ר' וואלף לאנדא שליט"א מיט א לענגערע דרשה, אין וועלכן ער האט ארויסגעברענגט דאס התקשרות און ליבשאפט וואס דער רבי זי"ע האט ארויסגעוויזן פאר די תלמידי הישיבה, און דעם שייכות וואס ער האט מיט זיי אנגעהאלטן, אויסטייטשנדיג דערמיט פארשידענע מדרשים.

ביים ענדע האבן זיך די בחורים משמח געווען א לענגערע צייט מיט געזאנג און טענץ לכבוד היום.

# כ"א כסליו אין "בית רחל"

**אין בית רחל דרבינו יואל זענען ביי אלע אפטיילונגען אפגעהאלטן געווארן הערליכע פארזאמלונגען, ארויסצוברענגען דעם באדייט פון טאג.**

**פאלגענד זענען באריכט פון עטליכע אפטיילונגען, וואס זענען אריינגעקומען צום "מוסדותינו".**

## הויעך שולע - ניינטע און צענטע קלאס:

אינעם טאג פון כ"א כסלו – דער יום הצלה פון רבינו זי"ע, ווערט יעדעס יאר צוגעשטעלט א פראגראם אין הויך שול דורך אונזערע תלמידות וועלכע פרעזענטירן די מורא'דיגע נס וואס רבינו הק' זי"ע – און גאנץ כלל ישראל – האבן געהאט אין דעם טאג, ווי אויך די געוואלדיגע פעולות וואס רבינו זי"ע האט אויפגעטוהן פאר אידישקייט נאך די מלחמה וועלכע איז געבליבן ביז אונזער היינטיגן דור.

היי יאר, האבן די ניינטע און צענטע קלאסן, אינאיינעם פארגעשטעלט א הערליכן פראגראם פון דעם נס הצלה ארויסברענגדיג פיל אינטערעסאנטע און באלערנדע פאקטן.

דער אויסערגעווענליכער פראגראם, וועלכע איז גענצליך אויסגעארבעט געווארן דורך די ניינטע און צענטע קלאס פון אנהויב ביז צום סוף, האט געגעבן פאר די תלמידות די געלעגנהייט ארויסצוברענגען זייערע אינערליכע כשרונות און טאלאנטן אויף א מורא'דיגן אופן. יעדע מיידל פון די ניינטע און צענטע קלאס האט געהאט א צוגעשטעלטע ארבעט וועלכע זי האט אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן ברענגדיג די אויסערגעווענליכע רעזולטאטן.

דער פראגראם איז געשטעלט געווארן אויפן טעמע פון "טוב להודות לד'" - אויסצודריקן אונזער דאנק פארן רבש"ע אויפן געוואלדיגן נס הצלה פון רבינו זי"ע. די צענטע קלאס האט זיך געשטעלט אויפן חלק פון "להגיד בבוקר חסדיך" – וויאזוי די גאנצע בריאה דאנקט השי"ת, און אויך די אויפגאבע פונעם איד צו לויבן הקב"ה יעדע מינוט פון לעבן, און די ניינטע קלאס האבן ארויסגעברענגט דעם: "ואמונתך בלילות" – וויאזוי אידישע קינדער האבן זיך במשך אלע שווערע צייטן אין גלות געהאלטן שטארק דורכן זיין באהאפטן צו די הייליגע תורה און אמונה.

אויסערדעם האבן די תלמידות אויפגעשטעלט הערליכע פרעזענטאציעס פונעם גאנצן נס הצלה. אין די הערליך אויפגעשטעלטע קעסטלעך האט מען געזעהן די צרות וואס רבינו זי"ע האט מיטגעמאכט אין לאגער - דעם רבי'ן זי"ע אינדרעהיים אין סאטמאר אונטער די דייטשן ימ"ש, אין קלויזענבורגער תפיסה, דער רבי אין בערגן בעלזן, און דאן די וואונדערליכע באפרייאונג – דער חלום פון דר. קאסטנער, דער מורא'דיגער נס אויפן באן קיין שווייץ, און דאן די געוואלדיגע פעולות וואס דער רבי זי"ע האט אויפגעטוהן אויפן באדן פון די טריפה'נע אמעריקא.

די תלמידות האבן אויך הערליך פארגעשטעלט "דעם רבי'נס ירושה" – וואס רבינו הק' האט איבערגעלאזט פאר אונז – סאטמארע תלמידות. די מוסדות התורה, צניעות, מלחמה קעגן ציונות, און בעיקר – אונזער הייליגע שטעטל קרית יואל וועלכע איז א שטאלץ פאר סאטמאר איבער די וועלט.

בייגעלייגט זענען די בילדער פון די זעקס פרעזענטאציעס פון דעם נס הצלה, איינגעטיילט ווי געשריבן אויבן.














# קלאסן 5-8

די תלמידות פון פינפטע ביז אכטע קלאס האבן שוין געפילט דעם אטמאספער פון כ"א כסלו פון אנפאנג וואך. צווישן די ווענט פון בית רחל האט געשוועבט א גייסטישע דערהויבענע געפיל פון פעסטקייט און שטאלץ צו זיין א טייל פון בית רחל דרבינו יואל.

דא האט מען קאמבינירט דעם באגריף פון קידוש השם וואס די מיידלעך האבן לעצטנס געלערנט, צו באגרייפן דעם געוואלדיגן קידוש השם וואס רבינו הקדוש האט געטון איבער די גאנצע וועלט, ארויסווייזנדיג דעם ריכטיגן דעת תורה - וואס ווער ווייסט אויב נישט זיינע ליכטיגע און קלארע אנווייזונגען וויאזוי מיר וואלטן ח"ו אויסגעזען היינטיגן טאג.

עס האט זיך אנגעפאנגען מאנטאג ווען די אכטע קלאס תלמידות האבן געהאט די געלעגנהייט צו פארהערן די מיידלעך פון די יונגערע קלאסן, איבער דעם באגריף פון קידוש השם. אויף אן אינטערעסאנטן און לערנבארע וועג האבן די שילערינס זיך איינגע'חזר'ט די וויכטיגע לערנונג און זענען געשטיגן אין דעם הינזיכט, וועלנדיג ערפילן דעם ללמוד על מנת לעשות.

דער היכפונקט פונעם פראגראם איז געווען דער אויסרוף: "מי לה' אלי".

אלע תלמידות פון קלאסן 5-8 האבן זיך צוזאמגענומען אינעם זאל, אויסדרוקנדיג דעם אויסרוף פון רבינו הק' איבער די וועלט, "מי לה' אלי", מיר זאלן זיך אפשיידן פון די ציונים וואס דערצערענען השי"ת מיט זייער מרידה במלכות ה'.

אויף אן אינטערעסאנטן אופן האבן זיך אלע קלאסן באטייליגט מיט'ן רוף פון "מי לה' אלי", און דער ווירקונג וואס עס האט געהאט אויפ'ן אידישן פאלק.

דאנערשטאג כ"א כסלו האבן זיך פאראייניגט יעדע צוויי קלאסן. די תלמידות אליין האבן צוגעגרייט אין א פראגע/ענטפערס פארעם, ברייט-פארצווייגטע ענטפערס איבער די הויפט פונקטן וואס דרוקן אויס דאס מערסטע דעם קידוש השם וואס רבינו הקדוש האט געמאכט:

אין די שווערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה.

דער קידוש השם מיט'ן קאמף קעגן די ציונים אין צייט פונעם גרינדונג פון מדינת ישראל.

די אויסערגעווענליכע קידוש השם טאג טעגליך מיט אזא דערהויבענע פירונג פון צדקה וחסד און אויסגעארבעטע מדות, זארגנדיג פאר כלל ישראל.

ווי שיין האבן די תלמידות זיך צוגעהערט צו זייערע חבר'טעס ווי זיי האבן דערציילט וויאזוי רבינו הקדוש האט געלעבט א לעבן פון קידוש השם.

דאס אלעס האט ערוועקט אין יעדן איינעם א שטרעבן צו גיין אין די וועגן פון רבינו הקדוש זי"ע און זיין פון די מקדשי השם.







# בית רחל עלעמענטרי



מנהלת: **רביצין אשכנזי שתחי׳**

קלאסן: **35**

קינדער: **1,009 כ״י**

געביידעס: **בעיקערטאון, בנין מארקאוויטש**

יארגאנג: **6-10 יאר**

אין די ערשטע טייל פון די עלעמענטארע קלאסן פארברענגען די תלמידות במשך פיר יאר. אין די פיר יאר שטעלט מען אויס א שטארקע פונדאמענט אויף די קומענדיגע יארן אין בית רחל שולע.

ווען זיי קומען אריין זענען זיי נאך קליינע, יונגע קינדער פון זעקס יאר וועלכע האבן באקומען די ריכטיגע הקדמה וויאזוי צו זיין א אידישע טאכטער און שילערין. ווען זיי גייען ארויס זענען זיי אוועקגעשטעלט מיט שטארקע, פעסטע יסודות, גרייט צו שטייגן ווייטער.

דער גאנצער סדר הלימודים איז אויסגעארבעט אויסצולערנען די תלמידות די הויפט זאכן וואס יעדע אידיש קינד דארף קענען. אלע לימודים זענען אויסגעארבעט אויף א קלארן מסודר׳דיגן אופן, מיט א לייכטע שפראך צוגעפאסט צום ניווא פון די קינדער. די הנהלה לייגט אריין גרויסע כוחות אז יעדעס קינד זאל זיך משלים זיין אין די אלע וויכטיגע יסודות.

פיל פארשריט איז שוין ב״ה געטון געווארן צו פארזיכערן אז יעדעס קינד קען אלעס וואס מ׳לערנט. די הנהלה פרובירט כסדר צו האבן א שטארקן קשר מיט די עלטערן, כדי צו קענען ארבעטן אינאיינעם און דערגרייכן דעם ציל.

## עברי

ווען די קינדער קומען אריין אין ערשטע קלאס, מאכט מען א חזרה אויף וואס מען האט געלערנט ביז אהער. איינע פון די גרעסטע סיבות צו די הצלחה פונעם סיסטעם איז דער פאקט אז מען צעטיילט די מיידלעך אויף קלענערע קלאסן, נישט מער ווי 5-10 מיידלעך פער קלאס, כדי מען זאל זיך קענען אפגעבן מיט יעדן באזונדער. יעדעס קינד ווערט גרונטליך אבזערווירט, און אויב שאפט זיך א פראבלעם טוט מען דאס גלייך באהאנדלען.

עס איז דא א ספעציעלע שטאב פון ערפארענע מומחים וועלכע לייגן אריין געוואלדיגע כוחות און דעם לימוד, כדי צו פארזיכערן אז יעדעס קינד גייט ארויס קענענדיג עברי, דאווענען אין א סידור, זאגן תהלים און לייענען.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן, אז אין בית רחל איז מען נישט משנה פונעם דרך הלימוד אין עברי וואס רבותינו הקודמים האבן איינגעפירט און דער רבי זי״ע האט אויפגעפאדערט מען זאל זיך האלטן דערצו און ח״ו נישט טוישן.

ביז די פינפטע קלאס טוט מען כסדר חזר׳ן די עברי, כדי מען זאל דאס נישט פארגעסן און עס זאל ווערן איינגעקריצט אין די קינדער׳ס מוחות.

## הלכות

די ערשטע פיר יארן שטעלט מען זיך אז די קינדער זאלן זיין באהאוונט און זיך אויסקענען אין די הלכות פון שלחן ערוך אורח חיים. אזוי קענען זיי די הלכות וואס קומען אויס אין טאג-טעגליכן

די קינדער דערגרייכן גאר אסאך אין בית רחל






לעבן, ווי הלכות כשרות, בשר וחלב, שבת, מוקצה, ברכות און נאך. אלעס ווערט געטון אויף א קלארן און גרונטליכן אופן.

## ידיעות, השקפה און מוסר

פיל צייט און גרויסע כוחות ווערן אריינגעלייגט אריינצובריינגען און די הערצער פון די יונגע קינדער די יסודות פון אידישקייט, וויכטיגע ידיעות, יראת שמים און גוטע מידות. מען לערנט מיט זיי די סדרות יעדע וואך ביז סוף יאר, און א גרויסע דגוש ווערט שטענדיג געלייגט אויפ'ן מוסר השכל פון יעדע זאך. ווי אויך אויף די יומי דפגרא במשך דעם יאר, די י"ג עיקרים פון אני מאמין, פרקי אבות און נאך פילע לימודים.

## שרייבן, ווערטער אויסלייג, לייענען

די קינדער באקומען די יסודות פון אליין קענען לייענען און שרייבן, מיט אלע כללים. ווען זיי קומען אריין אין די ערשטע קלאס שרייבן זיי די אותיות פון די א' ב'. ווען זיי גייען ארויס לייענען זיי פערפעקט און שרייבן הערליך. דאס קומט נישט פון זיך אליין, נאר פון די פילע כוחות און ארבעט וואס איז נישט מעגליך ארויסצושרייבן.

עס דארף באטאנט ווערן אז די הנהלה האט די לעצטע צייט צוגעשטעלט ספעציעלע לערערינס, אויסער די באשטימטע לערערין, וועלכע קומען אריין אין קלאס און געבן זיך אפ נאר מיט'ן שרייבן. זיי לערנען אויס די קינדער וויאזוי צו ענטוויקלען זייער פענע, שרייבן ריכטיג און אינטערסאנט, וואס דאס ברענגט א געוואלדיגע תועלת פאר די תלמידות.

די קינדער לערנען איבער די ימים טובים - דער בוך איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די הנהלת הבית רחל





פיל אריין די ענטפערס.

① עס זענען געווען פיל אידן וואס האבן זיך נישט דערשראקן פון די ___ רשעים.

② די אידן האט מען גערופן: ___.

③ די הויפט פון די חשמונאים איז געווען: ___.

④ די אידן האבן ___ געהאלטן מיט די גריכישע מיליטער:

⑤ השי"ת האט געמאכט א ___ און איבערגעגעבן די שטארקע גוים אין די הענט פון די אידן.

שרייב איבער די ווערטער אין די דריידלעך.

| השמונאים • מלחמה • גריבישע • מתתיהו • נס |
|---|

72

די קינדער לערנען זיך לייענען און אויסלייגן ווערטער אויפ'ן ריכטיגן וועג





... יעדן בילד, און שרייב וויפיל וואקאלען יעדע ווארט האט.

ג. שרייב נעבן יעדע ווארט וויפיל וואקאלען עס הערן זיך.

| | | |
|---|---|---|
| 1. שטיין ___ | קלאר ___ | וואנט ___ |
| 2. שלעסער ___ | בענקלעך ___ | זייגער ___ |
| 3. אויפגערעגט ___ | געקומען ___ | גיפטיג ___ |
| 4. נישט ___ | קאך ___ | דעק ___ |
| 5. פרייען ___ | גרויסן ___ | שענקל ___ |
| 6. אנגעקומען ___ | ארעמאן ___ | געגאנגען ___ |

118

## מדות פראגראם

"דרך ארץ קדמה לתורה". א באזונדערן דגוש ווערט געשטעלט אויף כולל ענינים, אריינצואווארצלען גוטע מידות אין די קינדער. יעדעס יאר ווערט עס געטוישט כדי עס זאל זיין אינטערעסאנט, באלערנדע און לתועלת.

דאס יאר לערנט מען דעם ענין פון "על שלשה דברים העולם עומד". יעדע וואך ווערט געטון אן אנדערן ענין, מיט פארשידענע פראגראמען, סיי אין סקול, ווי אויך אינדערהיים, כדי עס אויסצופירן הלכה למעשה.

די קינדער דערציילן פון זייער "שבת צעטל" ביים שבת טיש, און עס איז צום האפן אז מען זעט געוואונטשענע פירות אינדערהיים. די הנהלה אפעלירט צו די עלטערן מיטצוארבעטן, אויסהערן די קינדער מיט געדולד, לייענען די צעטלעך און אונטערשרייבן די פארשידענע פארמעסטן, כדי עס זאל טאקע עושה רושם זיין.

אין דעם "שבת צעטל" איז אויך אריינגעלייגט "א ווארט אויף די סדרה", וואו די קינדער האבן א געלעגנהייט עפעס איבערצוגעבן פון די פילע ענינים וואס זיי האבן

אינהאלט דערפון. די לידער ווערן כסדר געזונגען און גע'חזר'ט, און אזוי ארום באקענען זיך די קינדער מיט די וויכטיגע ענינים וועלכע אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט.

## פארשידנס

צו דעם קומען צו פארשידענע לימודים און פראגראמען וועלכע זענען געשטעלט אז די קינדער זאלן צובאקומען אלגעמיינע ידיעות, זיך קענען אויסגעבן מיט פארשידענע אינטערסאנטע אקטיוויטעטן וואס דאס ברענגט ארויף די קינדער אויף א העכן ניוואו. די ראש חודש פראגראמען זענען מחזק די קינדער און זיי האבן דערפון פיל הנאה.

דאס יאר האט מען אויסגעשטעלט אן אינטערעסאנטן מאלן פראגראם פאר די קינדער פון צווייטע ביז פערטע קלאס. דער פראגראם איז אויסגעשטעלט לויט'ן ניוואו פון די קינדער און ברענגט אין זיי אריין פיל סיפוק. די קינדער קוקן שטארק ארויס אויף דעם געלעגנהייט איין מאל יעדע וואך, צו קענען ארויסגעבן זייערע כשרונות.






געלערנט און שולע. עס איז וויכטיג זיי צו געבן א געהעריגן געלעגנהייט צו רעדן און דערציילן, פון וואס יעדער ביים טיש וועט הנאה האבן, און דאס גיט פאר'ן קינד זעלבסטזיכערקייט וואס עס פעלט זיך אויס צו איר אנטוויקלונג.

יעדע וואך לערנט מען אויס א ליד פון א מאמר חז"ל וועלכע די קינדער קענען אויף אויסנווייניג דעם מאמר, די טייטש און די

דער שבת צעטל, וואו עס ווערט געלייגט א געוויכט אויף "על שלשה דברים העולם עומד"


על שלשה דברים העולם עומד

אויף 3 זאכן שטייט די וועלט

דוד המלך האט גערופן אַחִיתוֹפֶל "רַבּוֹ אַלּוּפוֹ וּמְיֻדָּעוֹ" מיין רבי, מיין לערער און מיין וויסן געבער. ער האט פון אים געלערנט בלויז צוויי זאכן. די משנה זאגט אונז אז פון דא זעען מיר ווי ווייט מען דארף נוהג כבוד זיין איינעם פון וועמען מיר לערנען זיך נאר אפילו איין אות.

א רבי אדער לערערין וואס לערנען אויס אומצאליגע וויכטיגע הלכות, ידיעות, יראת שמים און גוטע מידות, איז זיכער אז מען דארף אפגעבן דעם גרעסטן כבוד און דרך ארץ איבערהויפט איז א מצוה מכבד צו זיין א תלמיד חכם.

בכלל דארף מען ארויסווייזן דרך ארץ פאר יעדע עלטערע מענטש.



דרך ארץ פאר מחנכים
און בכלל פאר עלטערע מענטשן

אין א קאלטער ווינטער טאג האט רבי נתן אדלער זצ"ל, דער רבי פונעם חת"ם סופר, געדארפט פארן צו א צווייטן פלאץ. זיין תלמיד, משה, איז מיטגעפארן. מיטאג צייט האבן זיי זיך אפגעשטעלט אונטערוועגס, צו עסן. רבי נתן האט ארויסגענומען צוויי שטיקלעך ברויט פון זיין זעקל און זיך געגרייט צו עסן. ער האט אבער באלד געזען אז ער האט נישט קיין וואסער מקיים צו זיין די מצוה פון נטילת ידים.

משה האט שנעל גענומען א טעפל און איז אראפ פון וואגן. ער האט אויפגעהויבן א פולע האנט מיט שניי און עס געהאלטן אין די הענט. אזוי האט ער צולאזט די שניי ביז ער האט געהאט גענוג וואסער פאר נטילת ידים.

פאר משה, וואס איז שפעטער אויפגעוואקסן צו זיין דער הייליגער חת"ם סופר, איז גארנישט געווען שווער ווען ער האט געדארפט באדינען זיין רבי.

ווען דער רבי זי"ע איז געווען א בחור איז איינמאל אריינגעקומען צום קדושת יר"ט זי"ע א יונגערמאן, (וואס איז געווען נאר אינגאנצן עטליכע יאר עלטער ווי דעם רבי'ן) וועמען דער רבי האט גוט געקענט. ווען דער רבי האט אים דערזעהן האט ער אים געגעבן שלום און געפרעגט "וואס טוסטו עפעס?" ווי דער הייליגער קדושת יר"ט האט דאס דערהערט האט ער זיך אנגערופן צום זון אז עס פאסט נישט אז א בחור זאל זאגן פאר א יונגערמאן "דו". מען מוז רעדן צו א יונגערמאן מיט דרך ארץ און זאגן "איר".

דער סיסטעם פון די שולע איז אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטן אופן. עס איז צום באוואונדערן אז אין דעם דעפארטמענט מיט בלי עין הרע 1,000 קינדערלעך כ"י, ווערט יעדעס קינד באהאנדלט ווי א בת יחידה. די שטאב טוט זיך אפגעבן צופרידנצושטעלן יעדע יחיד, ווי אויך יעדע לערערין, כדי זיי זאלן זיך ארייינלייגן מיט הארץ און געפיל צו יעדעס קינד'ס באדערפענישן.

# כ"א כסלו אין קינדערגארטן



די קינדערלעך זענען זיך מחי' מיט די פיינע טרעי"ן רייד



די שמחה פון די פרי נורסערי קינדער
ווען זיי זעהן א טרעי"ן פאר ארום און ארום

# חנוכה אין קינדערגארטן



די הערליכע מנורה'ס
וואס די קינדער האבן
אליין צוזאמען געשטעלט



די הערליכע מנורה'ס
וואס די קינדער האבן
אליין צוזאמען געשטעלט



מ'שפירט זיך ווי אינדערהיים
מ'שפילט דריידל אינמיטן די האלל

# פרשת ויגש

סרח בת אשר שפילט מיט א פידעלע



המלמד החשוב מו"ה מנחם מנלי בראך הי"ו
שפילט פאר די קינדער מיט זיין פידעל



ר' משה יעקב גרינוואלד'ס חדר
"מיר שפילן אויך מיט אונזער פידל"

חודש כסלו\טבת